# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Far folḳ un heymland


**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פערעץ**



**Mosḳṿe, 1943**


דער געפאנגענער


**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230**



Visual Library

— פֿאַרגעס, פֿאַרגעס דײַן היים, געפֿאַנצערטער פּיראַט,
און מיט דײַן ברוינעם גיר אויף שטענדיק זיך געזעגן!

דו וועסט אינערגעץ ניט דערשווימען צו קיין ברעג,
ווי ס'זאָל די וואַך דיך ניט פֿאַרדעקן און פֿאַרטײַען.
וועסט אויסברעכן אין ים דײַן רויבעריש פֿאַרמעג,
דײַן רויבער־שיף וועט פֿריר זיך אָנעסן מיט פֿײַער.

מאַטראָסן טשאַטשעווען אויף דיר פֿון ברידער־לאַנד,
געוואָגט איז זייער וועג און דום איז זייער מאַמע.
פֿאַרקישעפֿט האָבן זיי דעם גיפֿט אין מויל באַם שלאַנג,
באַצווונגען האָבן זיי דעם טויט אין טיף פֿון יאַמען.

זיי שטאַרבן ניט. דאָס לעבן גיבן זיי אַוועק,
זיי גיסן איבער זיך ווי בלוט אין לאַנד, ווען נאָר זיי קענען.
עס האַקט דער טויט ניט איבער זיי דעם וועג,
ווײַל זייער הויכן מוט דער טויט איז אונטערטעניק.

פֿאַרפֿלייצנדער פֿון ים איז זייער צאָרנדיקער דראַנג
און שטאַרקער זייער האַס פֿון טויט איז און פֿון פֿײַער.
מיט גיפֿט מיט דײַנעם, שווימענדיקע שלאַנג,
פֿאַרגיפֿטיקן זיי וועלן דיך, פֿאַרניכטן דיך אינדרײַען.

די ביינער דײַנע אויסשפּײַען דער אָפּגרונט וועט,
ווי ס'שפּײַען פֿיש אונטערן וואַסער אויס דײַן פֿעל דאָרט, —
פֿאַר יעדן בערגל אַש פֿון אונדזערע פֿאַרברענטע שטעט,
פֿאַר יעדן זאַנג פֿאַר דעם צעטראָטענעם אויף פֿעלדער!

אַ קראָ אין מויל טראָגט קיין גערמאַניע אַ בלאַט,
אַז צוגעדעקט איר שאַנד דער ים האָט איבער ברעגן.
— פֿאַרגעס דעם וועג צוריק, געפֿאַנצערטער פּיראַט,
און מיט דײַן אָנגעהעריקייט צו מענטשן זיך געזעגן!

——— ★✦★ ———

## דער געפֿאַנגענער

קיין פֿראַגעס ניט פֿאַראַנען זײַנען מער.
עס זײַנען אויסגעשעפּט שוין אַלע, ביזקל איינער, —
נאָר ס'קומט ניט קיין באַשייד: — מע האָט דאָך צום פֿאַרהער
קיין כּײַע ניט געשטעלט און ניט אַרויסגערופֿן קיינמאָל!

האָט מען דען װען־ניט־איז געפאָדערט פליכט באַם שלאַנג?
צי פון שאַקאַל אָן ענטפער זיך דערװאַרט מע האָט דען?
האָט מען באַם װאָרעם װען אַמאָל באַװיַיזן דען פאַרלאַנגט,
צי האָט מען בא דעם װאָלף דערקלערונגען געפאָדערט?

האָט װער אַמאָל געװאַרט פון דער היִען פאַרשטאַנד,
און סייכל — בא די װילדע אײַנװױנער פון שטײַגן?
פאַרװאָס זשע שטעלט מען שײַלעס זייער שטאַם,
װאָס האָט די מיִעסטע פון זיי באַװיזן איבערשטײַגן?

געװיס איז דעם שאַקאַל צום האַרצן — רויב,
און דער היִען — איבער בעסאַלמענס הערשן;
עס גיבן זײַנע ציין־קאַסטנס זיך טעמפּ א הויב,
זיי מאַלעגײרען דורך צו ענדע דעם פאַרהער שוין:

— ס׳אַרא גענוס צו קריכן אפן בויך!
אפ קװאָרים־צײלעמער געװועלטיקן און גרויס זײַן!
אויב ניט קיין שטאָלץ פון אָדלער אין דער הויך,
איז װי א שלאַנג א פּעסטנדיקע פּויזען!

די האַק איז שאַרפער פון געדאַנק,
און גיפט איז איבערצײַגנדיקער פון געװיסן!
די אויגן בא דעם מענטש האָט אויפגעשפּאַרט די שלאַנג
און זי װיל זיי בא אים צוריק פאַרשליסן!

זײַן בליק איז אויסגעהוילט און שװער,
מיט גיר באַזויפן איז זײַן מאָרדע:
א מענטשן דו דערזעסט — דערװערג!
א דורכגייער — דערמאָרדע!

ניטאָ װאָס צו פאַרשטיין,
ניטאָ װאָס צו דערציילן,
װער ס׳מאַכט עס מיט א שװערד, װער מיט א שטיין,
װער כ׳יט א ציילעם.

האָט װער אַמאָל פון הײשעריק געװאַרט פאַרשטאַנד?
געפּרוּװט האָט עמעץ דען די שלאַנג מיט יױשער איבערצײַגן?
פאַרװאָס זשע שטעלט מען שײַלעס זייער שטאַם,
װאָס האָט די מיִעסטע פון זיי באַװיזן איבערשטײַגן?

א קויל קאָן עפשער דורכדרינגען אין מארך
פון א מעטורעפּיקער בלוטדורשטיקער כײַע,
זאָל גיך דער קיווער אף זיי טאָן זיך א פארמאך,
זאָל זיך די אויסגעפלאָגטע ערד פון זיי באפרײַען!

★✦★

## געפאנגענער פאשיסט

טעווטאָנער שטאם מיט הערנער און מיט טלאָ,
די שײַן און שטאָלץ פון מינכענער קאבאקן, —
די אויסגעשטאָלטע שרעק פון קאט און גלאָמפּ
מיט קרייצן, אויסגעקריצט אף טעמפּן האלדז-און-נאקן, —
ער האָט דאָך ערשט נאָרוואָס געפאָכעט אין דער לופט
מיט שפיגלדיקן מעסער פרײַלעך איבער העלדזער,
אין איצטער פאָכען זיך אין שרעק די הענט זײַנע ארופ,
ווען אין געפאר געשטעלט האָט אף א ווײַל זײַן פעל זיך!

די הענט — אין דר׳הויך, דער ציילעמ — אף א זײַט,
די ביקס — אין קויט, און די שווארצאפּלען לויפן;
ס׳גייט אין א רעגע דורך פאר אים די גאנצע צײַט,
זינט ער מיט מאָרד און רויב האָט זיך באזויפן,
זינט ער האָט זיך געלאָזט אף לײַכטן ברויט
מיט מעסער קעגן פרוי און קינדער קליינע.
איז וואָס זשע ציטערט ער אזוי עס פארן טויט,
דער ריטער פונעמ שארבן און צונויפגעלייגטע ביינער?

ער האָט געוויס ניט אויסגערעכנט שטיין אפן פארהער
מיט זײַנע הויכע מיליטערישע טראָפּייען,
וואָס אָנגערויבט בא טויטע אפן פעלד האָט ער
און אויסטאָן זיך געלאָזט דערפאר זײַן פּאָרטופּייע...
איצט — אָן דער האק — דערמאָנט ער א שטיק ליים,
פון בלוט צעווייקט, אין קויט אן אײַנגעריכטע.
עס קאָנען עפשער ווערעמ ברוינע אלערליי
פון אים ווי גיפט און גאל זיך א צעקריך טאָן...

עס דוכט, אז ס׳קאָן אזא ארויסשלעפן פון טאש
א ביילעך פלייש פארבלוטיקטס פון א הערצ,